STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09109

# EYDER DU LESHST MIKH OYS

Israel Emiot

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל עמיאָט

# איידער דו לעשסט מיך אויס

(לידער)

ראָטשעסטער, נ. י. — 1966

ISRAEL EMIOT

# Eider Du Leshst Mich Ois

## (Before I Am Extinguished)

(POEMS)

Published by:

ISRAEL GOLDWASSER (EMIOT)

Rochester, N. Y.

All rights reserved

צייכענונג פונעם קינסטלער ע ל מ ע ר  ל ו א י ס

1966

PRINTED IN U. S. A.

by:

Knight Printing Corp., 382 Lafayette Street. New York, N. Y. 10003

96

# לעצטע לידער

# אינהאַלט


אײדער דו לעשסט מיך אויס — 7
צו זיך — 8
סוף מעשה — 10
*** — 11
שעה פון אומעט — 11
מײנע ײדן — 12
מיר זײנען שוין צו ביסלעך זקנים — 13
לאָס אַנגעלעס — 14
מדבר אַריזאָנאַ — 15
קינדער — 16
*** — 17
נאַכט צו — 18
*** — 18
פרײנט — 19
בלײב שטײן — 20
*** — 21
*** — 22
*** — 23
אַבי מיר זײנען נישט אַלײן — 24
דער פאַרטריקנטער בוים — 25
קאָסמישער װילן — 26
טריאָלעטן — 27
קראָמען — 28
שטילער — 29
אויפן טויט פון אַ נעגער — 30
שניי — 31
אָט אַזוי — 32
כ׳הויב אויף די אויגן — 33
ס׳איז מיר נאָך אַלץ נאָענט — 34
פאַרויס באַשטימט — 35
ער האָט זי נישט ליב — 36
סיביר (ציקל לידער) — 39

# איידער דו לעשסט מיך אויס

איידער דו לעשסט מיך אויס —
נעם דאָס גרין פון דיביימער אַרויס,
לאָז דאָס גרין זיבן מאָל גרינער ווערן ווי ס'איז,
און יעדער שטראַל זאָל דערגיין מיר ווי אַ שפּיז.
און זיבן מאָל העכער זאָל ווערן יעדן פֿייגלס טרעל,
און דער הימל זאָל אַראָפּלאָזן זיך צו מיין קליינער שוועל.

לעש מיך אויס, נאָר לעש נישט אויס, מיין גאָט,
דעם טאָג איידער ער אַנטפּלעקט זיין סוד,
און ביז מיין לעצטער רגע נישט שטיל אין מיר דעם דאָרשט,
צו אַלץ וואָס איך באַוואונדער, צו אַלעם וואָס איך פֿאָרש,
פֿריער דאָס געוויש, דערנאָך דאָס ווערן שטיל
דאָס מאָדנע, אין דער וועלט, קאַץ און מויז געשפּיל.

# צו זיך

דרויבלסט זיך אַלץ אויף גראַשנדיקע ווייען,
נאַרישע בליקן, קרישקעלעך ניגונים;
דרייסט זיך ווי אַ שלאַנג אין דרייען
פאַרן נישט געשטויגן, נישט געפלויגן;
דיך מאַטערט ר׳ אברהם חיים פון סיבירישע שנייען *),
מאַכסט אַ דעכעלע אויף די אויגן
פון זיין בלענדיקער שיין צו אַנטרינען.

דער שטורעם הייסט וואַכן, וואַכט מען,
דער כליאַפּ האָט אָפּגעווישט אַלע מיילן־שטיינער;
דעם וועג צוריק ווייס מער נישט דער וועכטער;
ס׳איז דאָ אַ הארץ פון דער וועלט ביים בראַסלאַווער ר׳ נחמן,
און זי וואַרפט די רענדלעך פון איר געלעכטער,
פון די ווייסע טאַשן — אירע ציינער,
ווי אַ גביר פאַרן שטאַרבן.

וואָס טוט זי דאָ? זע, זי איז אָרעם
מיטן גאַנצן אָרקעסטער פון איר פנים;
ר׳ יאָסל זאָגט בלחש: תקיעה, תרועה, שברים,
און איך בין דאָרט און רזי דרזין,
און מיין הימל שפּאַלט ר׳ יוסף ראָזין **),
כמאַרעם בלאַנקען ווי אַ רעגנבויגן
פון קלענסטן געדאַנק פון זיינע געדאַנקען.

---

*) ר׳ אברהם חיים, אַ גרויסער ייִד, אַ סיבירישער אַרעסטאַנט.

**) ר׳ יוסף ראָזין — דער גאון הגאונים, דער בעל „צפנת פענח״.

וואָס טוט זי דאָ? זי שניידט מיר די לאָקן,
ווי שמשונען אַמאָל די נאַרישע דלילה,
אין מיר — אַ פולער בית־מדרש צו נעילה,
אַ שטענדיקער בין מנחה־למעריב און תהילים,
און איך ווער נאָך אַלץ ווי מיין זיידע דערשראָקן,
ווען עס וויגן ווי שיפלעך זיך זייערע גלאָקן,
ווייל עפּעס אַן אומגליק, חלילה, דאַרף קומען.

פאַרשווינד און לאָז איבער דיין געשטאַלט צו דערהויבן,
ס׳איז דאָ אַ שיינקייט נישט פון דאָ, פון אויבן.
דיין באַך אויפן פּיאַנאָ, ווי די שיינקייט פון דיין נישט ווערן,
(געווען, געווען, געווען אַמאָל טרערן
און פון שיידן די פיינלעכע גליקן,)
איך שטאַם פון זיידעס, וואָס פלעגן פאָרן אויף יאַרידים,
נשמות פאַרפאַלענע צו געבן אַ תיקון.

פאַרשווינד און לאָז איבער מיין ברעקל זכרון,
דאָרט שטייט נאָך דעם זיידנס שאַפע פון ספרים,
אַזוי ווי געשטאַנען אַמאָליקע יאָרן,
רבינו תמ׳ס „ספר הישר״, דער „מסילת ישרים״
און אַ „קצות״ צו שאַרפן מיין שכל,
און אַז ס׳וועט עפּעס צופעלן צו בויען מיין היכל,
זוך אוים מיין האַרץ פון די שבעה ימים.

# סוף מעשה

שטראָף מיך מיט אַלץ
נאָר לאָז מיך זיין קינד,
ס'איז גענוג אַ צעוויג
אין מיטן אָנטאַריאָ־ים,
און אַלע שיפעלעך קומען צוריק
וואָס כ'האָב אַמאָל אין קינדהייט
געשיקט זיי מיטן וואַסער,

כ'האַלט ביי סוף מעשה
נאָר די מעשה הויבט זיך ערשט אָן,
כ'ווייז נאָך אַלץ אויף מיין שמחת־תורה־פאָן
פונקט ווי אויף מיין האַרץ צוגערויבטס
און כ'וואַרט נאָך אַלץ אָפּ דער מאַמען דורכן שויב
כאָטש מיין אייניקל וואַקסט מיר ביי די קני.

**
*

איך בין אַ לייבלעך נאָענטער אומעטום,
זע: דער פרעמדער אין שטאָט איז נישט קיין פרעמדער,
ווי מאַן און ווייב דרייען מיר מיט אַלעמען זיך אַרום
און מויערן שעמען זיך נישט אויסצוטאָן די העמדער.

וואָס קען זיין טרויעריקער אין האַרבסט ווי נאַקעטע מויערן?
מעגן פענצטער זיין פאַרדעקט ווערן זיי בלינדע אויגן,
דאָ איז אַ חרפה אפילו צו טרויערן,
זאָג, ס'איז גאָרנישט, אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן...

מעג דער פויגל קומען פון מיינע וואַרשעווער הויפן,
און אָפּמאָנען דעם חוב פון בעטלערס נישט דערכאַפּטן גראָשן.
איך לעש אויס אַלע ליכטער פון בראָדוויי מיט זאַטקייט באַזויפן
פאַרן אָרעמאַנס ניגון וואָס איז געוואָרן אויסגעלאָשן.

# שעה פון אומעט

שעה פון אומעט,
אַלע שעהען רעגענען
און אַלץ איז נאָענט
און אַלץ איז פול מיט געזעגענען,
איך לעב נאָך אַלץ,
כאָטש כ'האָב וויפל מאָל געגעבן
זיך אַליין אַ גט,
נאָר איך דריי זיך נאָך אַלץ
ווי אַ ווייטער פּלאַנעט
אַרום דיר,
פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן געזעץ
געצוואונגען.
מיט אַזוי פיל רינגען
נעמסטו מיך אַרום,
נאָר איך בין שטום,
אַזוי שווייגן
אַלע ביימער און אַלע צווייגן,
ביז אַרויף צו די פּלאַנעטן,

**
*

...און מיינע יידן טאַנצן אַלץ נאָך קעגן דער לבנה
און ענטפערן אַליין זיך: „עליכם שלום״,
פונקט ווי איך ענטפער זיך אַ חלום מיט אַ חלום
מאַך יעדן פראָסטן מיטוואָך פאַר ראש השנה.

כ׳וואָלט פינפטע עווענין אַליין זי נישט דערקאַנען,
ס׳זיינען אַלייען ביי זיך קליין און האַלטן איין די פייערן,
ווי מען דרייט אַראָפ אַ לאָמפ ביי אַ חולה וואו אַ טייערן,
ס׳זאָל צופיל שיין נישט פאַלן אויף זיין פּנים.

די וואָר זי לערנט פשט מיט נעאָן אויף די שילדן,
איך צוים דעם היינט ווי אַ פערד אין זיין לויף דעם ווילדן
ס׳וועט עפּעס זיין, וועסט זען: ס׳וועט געשען.

ס׳איז שווער, מיר שווער די וואָר, דער חלום שפּאַלט אַ האָר,
און ווערטער מישן זיך וואָס געווען איז קלאָר
פון אַ וואונדער וואָס אַלץ וועט נעמען זען.

# מיר זיינען שוין צו ביסלעך זקנים

מיר זיינען שוין צו ביסלעך זקנים,
קלאַפּן צו מיט אַ פינגער אויף אַ שיינעם ניגון,
וואָס מיר האָבן שוין אַמאָל טויזנט געהערט,
מיר רעדן אַלץ וועגן וועטער:
„היינט וועט די זון שיינען"
מיר קערן זיך אום צו היינען,
צו געטען.
זאָגן כסדר:
— מסתמא איז אַזוי באַשערט,
קלאָגן זיך צו ביסלעך אויף דער ראיה,
זוכן עפּעס צו שווענקען,
און סטאַרען זיך עס זאָל כאָטש אַ תנועה
בלייבן פון זיך
אַן אייניקל צו שענקען,
צום געדענקען.

# לאָס אַנגעלעס

אומרואיק און זוכנדיק און אויפּסניי געליטן,
און טראָג דאָס ביסל בענקשאַפט פאַר אַ יעדער שוועל,
ווי געפעלסטו זיך אינעם נייעם געמעל? —
פאַלמעס טוען אָן דיר נייע, גרינע היטן.

האָסט דעם טויט נישט איינמאָל אויסגעמיטן,
ערשט שווימט ער אויף מיט יעדער קליינער וועל,
כאָטש נעם גראָם העל מיט זעל,
און ציטרינען־בליטן מיט סיבירער שליטן.

ס׳איז נישט דאָס לעצטע ווערק און נישט דיין לעצטער האָפן,
נאָר ווי אַמאָל ביים דריטן טאָג באַשאַפן
זאָג, ווי דער באַשאַפער, כי טוב, ס׳איז גוט!
עס פעלט עפּעס און ס׳וועט אַ סך נאָך פעלן,
נאָר אַלע פאַרבן שטאַרבן אָפּ אין העל
פון אַלע לאַנגע וועגן אויסגערוט.

## מדבר אַריזאָנאַ

גאָט העלף, באָבעשי, אין מדבר אַריזאָנאַ,
איך הער נאָך אַלץ דעם טייטש-חומש נאָך גאַנצע דרייסיק יאָר;
אַלץ איז אַזוי פּשוט, דאָך בלייבט נאָך אַלץ נישט קלאָר
די פערציק יאָר אין מדבר, די אמתע כוונה.

ביי וועמען זאָל איך פרעגן, ביי וועמען זאָל איך מאָנען
פאַר טויט פון דור המדבר ביים צוגעזאָגטן לאַנד;
פון מיר איז אויך דאָס גליק צו דערלאַנגען מיט דער האַנט,
נאָר די האַנט ווערט מיר קורץ אין מדבר אַריזאָנאַ.

אפשר וועט מיין אייניקל דערלעבן צו דעם אמת,
איך בין בלינד, אַ רמז פון אַ רמז.
זאָג, באָבע, נאָך אַמאָל, צאינה וראינה, ווי אַמאָל.

איז וואָס אַז נישטאָ אפילו קיין רמז פון דיין קבר,
איך קלייב אויף דיר אַן אבר צו אַן אבר,
פון הר סיני נעמט דאָס יינגעלע דעם אַלטן תורה-עול.

(באַן: סאַנטאַ פע, על קאַפּיטאַן, ל. אַ.-שיקאַגאָ)

# ק י נ ד ע ר

וויפל טרויעריקע שיינקייט איז פאַרט אין דעם פּאַראָן
ווען עס פירט אַ שוועסטערל איר ברודערל ביים האַנט.

זי איז אַ מיידעלע — אַ קליידעלע און שוין,
און ער — אַ פּאָר הייזעלעך, אַ פּנימל, וואָס ברוין,

אים איז נאָך נישט קיין גאַנצע יאָרן פיר
און זי דערלאַנגט קוים צום קליאַמקע פון דער טיר.

זיינע אויגן זיינען אָפן אויף דער פאַרבן־שפּיל
און זאַכן לויפן, — מייזלעך אויפן דיל.

ער פרעגט און פרעגט מיט פאַרשפּיציקט קול
דאָס שוועסטערל וויקלט אים די וועלט אויף ווי אַ קנויל.

ביז דער קנויל פאַרפּלאָנטערט זיי די פיס
און ביידע פאַלן און קיינער ענטפערט נישט...

***

שטריק בינדן מיך צו אָט דעם האַפן
וואו שטיל זיין
האָט זיך געלערנט אַפילו דער ווינט.
וואו זעגל־שיפלעך בלאָזן זיך אויף
אין דער ווייט
ווי ווייסע בערעלעך
און זיינען ווי זיידענע הערעלעך
פון אַ קינד.
דאָרט וואו די צייט
קאָרטשעט זיך צונויף
אין אַ פעלז,
און אין צווי פאַרליבטע וואָס שטייען,
אין אַ בלימל,
און אין קינדעריש געוויין.

## נאַכטצו

עס וועט בלייבן שטיין די נאַכט אויף מיין באַפעל
און מיין גאַס וועט זיך נישט ציען ווי אַלע מאָל,
די פּאָר ביימער וואָס האָבן וואָס צו זאָגן וועלן אַלץ זאָגן
ביי מיין שוועל

און שווייגן.

טירן וועלן שטיין אָפן ווי טייסטערס ביי גבירים פאַרן טויט,
וועלט וועט ווערן דין און דורכזיכטיק, איך נעם זען דורך דער
הויט

פון דעמער.

אַ שפּיל איז אַלץ, אַ שפּיל דאָס רויט און גרין
פון סעמאַפאָר אויף עק פון גאַס: מען מעג!
און אַלע מענטשן זיינען מיינע, ס'איז מיין פאַרמעג
איבער נאַכט.

***

מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן —
וועלן מיר טאָן:
מיר וועלן אַ שטעק טאָן דעם קאָפּ
אין מויל פון אַ לייב,
מיר וועלן גיין אויף אַ שטריק
מיט טויזנט סכנות
נישט צו צעברעכן דאָס גניק,
מיר וועלן האַנדלען, וואַנדלען
צווישן ערד און הימל.
מיר וועלן אַרבעטן שווער
מיטן שוויים פון געזיכט.
פאַר אַזערנעלע בלויז
פאַר אַ זערנעלע בלויז...

# פריינט שטאַרבן אויס

פריינט שטאַרבן אויס, איך בלייב אַליין,
ווי אַ רעוואָלווער צום האַרצן — איר בליק,
אין איר אויג דאָס ביסל גרינע גליק
און דאָס זייד פון איר חן.

ס'איז צו שטיל פאַרן ווייסן קומער,
(פאַרן ליד פאַסן נישט קיין געוואַלדן),
און איך לויש אַלץ דעם שטילן ווייוואַלדין
ווי מ'הערט אַ ניגון פון צווייטן צימער,

ווי דורכזיכטיקער טיול אויף איר לייב
דער שנייאיקער צייט־פאַרטרייב,
וויפל איז דער שיער צו לוישן און לוישן?

דער ניגון שעפּטשעט: כי טוב, כי טוב,
און באַשאַפט אַ וועלט — אַ בלאָען עוף
אין טויטס וויסטן מושב.

# בלייב שטיין

בלייב שטיין
ביי דער קליינער סטאַנציע פון באַס
וואו קליינע קינדער לויפן זיך קושן
מיט די מאַמעס
וואָס קומען פון דער אַרבעט.

דער פאַרנאַכט האָט צעשיינט
אַלע פענצטער אין שטאָט
און שטראַלן פאַלן —
שפילצייג
אין מידע מאַמעשע הענט
צו דער דאַזיקער באַגעגעניש.

פייגל ווערן „פאָני"
און יאָגן זיך אָן אַ ציל,
אַרויף אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף.
דאָס שלעכטס פון דער וועלט
האָט פאַרווייַנטע אויגן

פון חרטה,
ווי דער עברין
יום־כיפור צו כל נדרי
בלייב שטיין
זע עס צו
און ווער גוט אַ ווייל...

**
*

אַ סך טרעפּ פירן אַראָפּ
צום ברייטן טייך,
נאָר צום רויש פון די ביימער
איז אַ סך נענטער...
בין איך רייך
מיט גערויש אין גערוישן
און מיט גרין אין גרין,
וואָס ציט זיך אַהין, אַהין, אַהין,
וואו אומזין באַקומט אַ זין.

הויב נאָר אָן —
און איך וועל זיך דערמאָנען אַלץ
וואָס איז פאַרגאַנגען,
האָסט נאָר עפּעס פאַרשטאַנען
און אַ סך נישט פאַרשטאַנען,
נאָר דו גלויבסט מיר
ווי מיין ליד
און ווי דעם פאַרנאַכט.

***

די איז נאָך אויך נישט די,
כאָטש דאָס בלוי פון איר אויג
דערמאָנט אינעם לעצטן גרין
פון בלעטער פאַרן וועלקן,
און מעג איר אויג זיין געווענדט
שטענדיק אַהין, אַהין
וואו אַלע דיינע חלומות ציען,
און אָפּגעריסענע ווינטלעך
זיינען אירע הענט,
ווינטלעך וואָס קושן דיך
פאַרנאַכט,
ווען אַלץ האָט דיך פאַרגעסן.

**
*

צום שטילן יום־טוב פון דיין ליכטיקן געזיכט
איך זעץ מיך ווי אַן אָרעמאַן צום טיש,
און פיל דאָס וואונדערלעך געמיש
פון פאַרב און קלאַנג, שאָטן און ליכט.

אָ שטער נישט מיט וואָרט, האָב מיך נישט ליב,
ס'איז פול מיט דיר אַפילו דיין שפילצייג פון ליים,
פרעמדע שטאָט איז אָפּגעריסן פון דיין ריפּ
און איז אינדערהיים.

**
*

איך אָנכאַפּן אין מאָצאַרטס אַ תנועה
און אַזוי שוין בלייבן הענגען.

איך דאַרף נישט גאָרנישט,
קיינער זאָל מיר גאָרנישט שענקען,
איך וויל נישט קיינעמס רייכקייט אַרבן,

(ווי רייך זיינען ביימער אין האַרבסט
און שטאַרבן אַלצאיינס,
און שטאַרבן — — — —)

פאַרפיר מיך נישט,
פרואוו מיך נישט פאַרפירן,
גאַסן פאַרגעסן זיך און טוען נאָך אַליץ
מיטן זומער שפּאַצירן.

נאָר איך בין נעבעך קלוג געוואָרן
און לייען אין די פאַלנדיקע בלעטער
הבל הבלים,

כאָטש אין מיין לאַץ
איז נאָך אַליץ פאַרשטעקט,
ווי אַ בלום —
אַ חלום.

# אַבי מיר זיינען נישט אַליין...

דער אַמעריקאַנער דזשאָרדזש סמיט
האָט אין 1961 געמאַכט די אַנטדעקונג
אַז אונטער מוזיק־קלאַנגען וואַקסן די
צמחים שנעלער.

אַבי מיר זיינען נישט אַליין,
אַבי מיר האָבן אַ שותּף;
אפשר הערט אויך אַ שטיין?
וועלן מיר גליקלעך זיין,
וועלן מיר גליקלעך זיין,
ס'איז אַזוי פיל שווייגן אין חלל
פון אונדז אַזש ביז גאָט,
נאָר אַ פייגל זינגט אַמאָל שירה.
וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ פויגל
אַנטקעגן אַ שווייגן פון גאָט?
וואָס פאַר אַ ווערט האָט אין קאָסמאָס
דאָס ביסל גערויש אין דער שטאָט?
און זע: עס הערן די צמחים
שווייגנדיק רעדן זיי הויך,
אפשר הערט דער שטיין אויך?
וועלן מיר גליקלעך זיין
וועלן מיר גליקלעך זיין.

## דער פֿאַרטריקנטער בוים

אין גרין פֿון ביימער, אין גערויש פֿון בלעטער,
דער הוילער בוים דריקט מיך מיט זיין שווייגן,
ער שטייט און שרעקט מיט די הוילע צווייגן
ווי אויפֿגעהויבענע הענט וואָס זוכן זייער רעטער.

מענטשן — זיי האָבן זייערע געטער,
אין נויט, אין טויט, אין שעהען פֿון יסורים,
פֿייגל לויפֿן צו אַ העכסטן טורעם
פֿאַרבאַהאַלטן זיך פֿון אַ שטורמיש וועטער.

איך האָב מיין עלנט געשפּיגלט שוין אין טייכן,
ערשט וואָלט איך אַלע מענטשן ווייכן,
און אַ האַנט דערלאַנגען צו אָט דעם בוים, מיין ברודער,

איך בין עלנט ווי דו, עלנטער בוים אָן בלעטער,
איך שפּיגל אין דיר מיין טרויעריקן שפּעטער
אין אַ סוד פֿון זיין — ווי אַ שיף אָן אַ רודער.

# קאָסמישער ווילן

הכּלל: ס׳איז אַ ווילן אין אַ ווילן,
פון דעם גראָז ביז די גיגאַנטישע גאַלאַקסן,
דער מילכוועג וואָס טראָגט מיליאָנען וועלטן,
און דער שפּראָץ וואָס ווייס נאָר איינס: וואַקסן!

אַ צירקלען און אַ רינגלען און אַ קרייזן,
אַ ווילנסבוים וואָס האָט פאַרשפּרייטע צווייגן,
אַ נאָכגיין, אין געזעץ געשפּאַנט זיין,
און חשבון האַלטן שטיל און שווייגן.

און פּרוּוון זיך נאָר פונעם ווילן אויסשפּאַנען,
באַלד עס קומט פון גיכן טויט דאָס אָנען,
אַ צאַנקען, אַ צעשטערן און נישט ווערן,

דער זעלבער גורל פונעם גראָז געשלאָגן
פונעם מלאך ער זאָל זיין וואוקס דערטראָגן,
דער גורל פונעם מענטש און פונעם שטערן.

## טריאָלעטן

1.

נאָך דאָ ערגעץ אַ בית־מדרשל אין דעמער,
און צו ניין דו ביסט דער צענטער,
מיט „אתה אחד" און שקיעה דורך די פענצטער,
נאָך דאָ ערגעץ אַ בית מדרשל אין דעמער.

ס'איז דאָ עפּעס וואָס קלאָרער זעען מיר
מיט תפילהדיקע אַפּלען צוגעלענטע;
נאָך דאָ ערגעץ אַ בית־מדרשל אין דעמער
און צו ניין — דו ביסט דער צענטער.

2.

מיין אַכזריותדיקער מייסטער, דו באַפעלער,
וואָס וויל די וועלט אויפסניי איבערקנעטן,
מיט טענות פול, זיך נישט צום איבערבעטן,
מיין אַכזריותדיקער מייסטער, דו באַפעלער.

מיט דיינע טענער לויף איך שנעלער
צו דעם סוד פון סוף פון אַלע סופן,
מיין אַכזריותדיקער מייסטער, דו באַפעלער,
וואָס וויל אַלץ די וועלט איבערקנעטן.

3.

איך עפן אויף אַ טיר צו מיין אומעט
און שטיל באַגעגנט מיך אַלץ וואָס באַקאַנט,
דער טיש, די שטולן, די שטומע וואַנט,
איך עפן אויף אַ טיר צו מיין אומעט.

דערוויל בין איך דער גאַט פאַר אַלץ וואָס מיר אַרומעט
נאָר באַלד בלייב איך אויך אין יענעם שטומען לאַנד.
איך עפן אויף אַ טיר צו מיין אומעט
און שטיל באַגעגנט מיך אַלץ וואָס באַקאַנט.

# קראָמען

קראָמען שאָקלען פון די שטערנס די שילדן אַראָפּ:
מיר האַנדלען נישט מער מיט מעל און מיט גרינוואַרג און מיט שניט

מיט גלאָזוואַרג, מיט שויבן און מיט קיט,
ס'האָט זיך דעמער אין אונדז געשפּיגלט איז אונדז טרויעריק דאָס געמיט

און פון אויפגאַנגס און שקיעהס איז אַ ליד
אין אונדזער אינגעווייד אָפּגעשטאַנען
מאַכט אונדז צו, מאַכט אונדז צו.

גאַסן וואַרפן די מענטשן פון זיך אָפּ,
און באָסעס און טאַקסיס און וועגענער אַראָפּ:
— ווער זאָגט עס אַז מיר פירן צו פאַרשטאָט-שפּיטאָל,
און צו הייזער וואו עס קיניגט די וואָג און די שאָל?
מיר זוכן אַליין אַ וועג, זיך פירן און פאַרפירן,
און אפשר דורך אַ זייטן־וועג צום הימל זיך פאַרלירן?
גאַסן וואַרפן די מענטשן פון זיך אָפּ.

# ש ט י ל ע ר

דאַרפסט אַלץ נאָך נישט קיין סך אויף צו ווערן פריידיק:
אַ קינד איז שטיל געשטאַנען און גענומען לויפן,
אַ דאַך פול מיט טויבן און פלוצעם ווערט ער ליידיק,
אַ שטאַרקער רעגן וואָס פויקט מיר אין די שויבן.

און ס'איז דאָ אַ סך נאָך קלייניקייטן,
אַ ניגון איז אַוועק און דאָך געבליבן הענגען,
עס מיידן זיך צוויי באַנען ערגעץ אין דער ווייטן
פון אַ שויב עס פאַלט אַ בליק אויף לאַנג אים צו געדענקען.

# אויפן טויט פון אַ נעגער

אַ נעגערטעס טרערן ווילן דווקא זיין ווייס,
נאָכן טויט פון איר מאַן די האָר אויף זיך רייסט.

און קלאַפּט זיך אין ברוסט און קלאַפּט זיך אין האַרץ,
אַ נעגערטעס טרערן ווילן נישט זיין שוואַרץ.

און סע זאָגט ווער אַ תפילה צו גאָט וואָס איז ווייס,
און מ׳חזרט זי איבער איבעראַנייס.

און ווייס איז די תפילה, ווייל ווייס איז גאָטס מאַכט,
(ס׳האָט קיינער קיין שוואַרצן גאָט אויסגעטראַכט).

און אַ קינד איז אַוודאי דאָך ווייס כאָטש ס׳איז שוואַרץ,
בפרט פּיצעלעך קינדער אַרום מאַמישן האַרץ.

און איר טאַטע, דער אַלטער נעגער דער גרייז
איז אַוודאי דאָך ווייס, איז אַוודאי דאָך ווייס.

וואָס טוט מען דאָס אַלץ נישט אַמאָל אין אַ נויט ?
לאָמיר רעכענען פון די האָר און נישט פון דער הויט.

## שנײ

ס׳האָט דער שנײ פֿאַרשיט
מײַן האַרבסטיק בענקען,
כ׳בין אַרומגעריִנגלט מיט טויזנט גרענעצן.
בײמער אויף דער גאַס פּיקן מײַן זכרון:
— אַמאָל... אַמאָל...

אַמאָל האָט די זון עפּעס געוואָלט,
און געגליט פֿון צער בײַם ראַנד,
און ווינטלעך זײַנען געפֿאַלן צו יעדנס טראָט,
און צווײַגן האָבן געפֿאָכעט
ווי מיט טיכלעך בײַם געזעגנען.

דער וואָס איז אַוועק קומט נישט מער,
דער ווינטער — אַן אַלטע באָבעשי,
שטריקט זאָקן פֿאַר זיך אַלײן
און געגעצט...

## אַט אַזוי...

אַט אַזוי, מען ווערט פּאַמעלעך אַלט,
ס'ציט צו קעסטלעך בריוו און צו אַלבאָמען,
אַ פאָטאָגראַפיע ביי אַ טייך און ביי אַ וואַלד
ווי אויף אַ בוים האָסט אויסגעקריצט אַ נאָמען,

ס'איז אַ טרייסט אַן אַלטער גוטער בריוו
איז וויכטיק דען ווער ס'האָט אים געשריבן?
דעם אַלטן בלייכן אונטערשריפט
האָט די צייט לאַנג שוין אָפּגעריבן.

נאָר גראָע בענקשאַפט דרימלט אין דער שטיל
און זיך אַליין באַגעגנסט גאָר אַן אַנדערן,
נאָך לאַנגן וועג צום ציל וואָס איז קיין ציל
און וואַנדערן...

# כ׳הויב אויף די אויגן . . .

. . . אשא עיני אל ההרים.

אשא עיני אל המויערן,
כ׳האָב מיטגענומען אַ צענדליק קליינע הייזער,
מיט שטילע שאָטנס און אַ גרינער לוזשע,
און אַ צוויי־דריי ביימער
וואָס איך רוף ביי די נעמען
ווי דאָס קאָזעלע,
ווי דעם קאַלב,
און ווי דאָס הינטל.

און נישט אַזוי ווייט פון מיר
איז אַ ליידיק פעלד,
וואו הימל נויגט זיך צו
ציט זיך אָן,
ווי ליפּ צו ליפּ
עמעצן אַ קוש צו געבן.

און אין אָוונט לייכט אַ נאַפט־לאָמפּ
און איך אַנטלויף אַהין פון בראָדוויי
עמעצן אַ מעשה צו דערציילן.

# ס׳איז מיר נאָך אַלץ נאָענט

ס׳איז מיר נאָך אַלץ נאָענט
דאָס אָרעם הויז
וואו איך קום אַריין.

אַן אַלטע מאַמע גייט אַרום,
צעקנייטשט און איינגעבויגן,
און מאַכט צען מאָל יום־טוב
פון צען מאָל וואָך.

ס׳איז גאָר נישטאָ אין דער שטוב
נאָר איר זונס געזונטע צען פינגער
און זי שעפּטשעט אַ תּפילה פאַר זיי.

נאָר די שויבן ווערן רייך אין פאַרנאַכט
און צעהענגען אין יעדער ווינקעלע גאָלד
און די אַלטע מאַמע גייט אַרום
אין גילדערנע סאַנדאַלן.

# פּאָרויס באַשטימט

איך ווייס נישט צי מיין לעבן פליסט פון עמיצנס געבאָטן,
מיין חלום — וואונדער האַלט אין איין אַנטדעקן;
נאָך דאָ אַ סך ערטער וואָס כ׳האָב זיי נישט באַטראָכטן
און ערגעץ פאַרלאָזענע, אומבאַקאַנטע וועגן.

איך בין נישט איינמאָל געווען דאָרט מיט מיין מחשבה,
איך פלאָנטער זיך, נאָר אַלצאיינס איך וועל דאָרט קומען.
איך בין נישט קיין נביא און נישט קיין זון פון נביא
נאָר אַ סוד עס וויקלט מיך אַרומעט.

און יעדער שפּאַן איז ווי אָנגעצייכנט
כאָטש נישט איינמאָל פאַר אַנטשיידונג איך באַוואָרן,
נאָר יענער ווייזט מיט פינגער פון די הייכן
און טרייבט ווי אַ סטאַדע שעפּסן מיינע יאָרן.

## ער האָט זי נישט ליב . . .

ער האָט זי נישט ליב
ווײַנט זי, ווײַנט זי, אַ ביטער געוויין.
ווײַנען מיט אַלע וועלטן,
זי האָט אויך עמעצער נישט ליב,
ס'האָט עמעצער געטאָן פאַרפירן
ס'העלפט נישט קיין צירן זיך און צירן.
זי פאַרשטייען אים נישט,
און קענען זיך אַליין נישט פאַרשטיין.

# סיביר

# אַ תפילה ניינצן דריי און פערציק

ה. לאַנגן.

גוטער גאָט, זע, איך בין אָרעם און פאַל איבער זיך אַליין,
און מיין קינד טראָגט שיך דריי מאָל זיין מאָס
און שפּילט מיט קינדער זיך און פאַלט און לויפט צו מיר מיט געוויין
ווי איך צו דיר מיט אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס.

איך ווייס, אַז אין אַלע תפילות טוט מען אָן דיך קרוינען פון גאָלד
און ווערטער צו דיר זיינען די שענצטע פון אַלע ווערטער,
דאָך באַליידיק נישט די תפילה פון אַ קינד וואָס אַלץ וואָס עס וואָלט געוואָלט
איז אַן אייגן געלעגער און מוז שלאָפן אויף דער ערד דער פערטער.

דיין טאָג — דיין ליד — לייען איך יעדן טאָג און באַוואונדער,
באַוואונדער נאָך אַלץ די לעצטע סטראָף — דיין שקיעה,
נאָר ווען איך וויל נעמען לויבן דיך, פאַלן די הענט מיך אַרונטער.
אָ, שטראָף מיך נישט, דאָס העמד אויף מיר איז פרעמד און אויסגעליען.

מיין קלוגשאַפט וויסט שוין אַז דער מענטש איז קליין,
אַז די ערד איז דאָס קלענצטע פון אַלע דיינע ערטער,
דאָך שטראָף מיך נישט און הער אויס דאָס געוויין
פון אַ קינד וואָס שלאָפט אויף דער ערד דער פערטער.

(קאַזאַכסטאַן, מלחמה־יאָרן)

# חלומות

1.

מיין חלום גראָבט אַלץ טיף די שיכטן
פון מיין קינדהייט, פלאַסט נאָך פלאַסט,
אַריין־אַרויס גייט גאַסט נאָך גאַסט
אין אונדזער הויז, אַלץ אומגעריכט איז.

און געפאַרבט פון טאָג דאָס ליכט איז,
ווי מעד געבראַקט מיט נים, ווי ס'פּאַסט
פאַר חול־המועד, ווען אונדזער גאַס
מיט אַזאַ אָוונט־ליכט געדיכט איז.

עלנט צי איך פרי די דעק אָפּ
פון מיין געלעגער, פריריק קאַלט
קוקט אין שויב אַריין דער וואַלד.

איז אַזוי פיל טעג און וועג אָפּ?
אַזויפיל וועג פון מיר צו מיר
ווי פון פוילן קיין סיביר.

.2

דיין ספרים־שראַנק, אַ, זיידע מיינער אָרים,
פון סוכות נאָך געבליבן אין דער שראַנק
אַן אתרוג, אויסגעטריקנט לאַנג
און שמעקט נאָך אַלץ, און סע שמעקן אַלע ספרים.

די זון שענקט אַ קעסטל שיין אין דרום
און אויפן טיש איז אָפן נאָך דער דף
וואָס כ'האָב געלאָזן אין חכמה טיף פאַרגאַפּט —
געווען אַ מענטש און איז געוואָרן וואָרים.

מסתמא שיינט ס'געזיכט מיינם אינעם חלום,
אַזש לאַניע גנב ווערט אַ רודף־שלום,
לאַניע ביי מיין זייט, מיין שכן.

ער וועקט מיך שטילער, און ביז ווען איך וועק מיך
דערזע די וואָר און דערשרעק מיך,
פּלאָנטערט זיך מיין יום־טוב אינדערוואָכן...

.3

אָ, וויפל פעלט אַ מיש צו טאָן די בלעטער
און ס'איז אַזאַ מין שבתל בייטאָג,
דאָס שבתל, דאָס איינציקס וואָס כ'פאַרמאָג,
און ווי דאָ — אַ ווינטיק שנייאיק וועטער.

שבת־אויבס גיט די באָבע שפּעטער:
— קינדערלעך, וואָס איז דאָס געיאָג?
„ברכי נפשי”, דערווייל די באָבע זאָגט, —
שיט און שיט דער שניי אָן גאַנצע מעטערס.

ביים ים פון שניי, ווי ביי תשליך, פון די טאַשן,
איך וואַרף די זינד און קען זיך נישט דערוואַשן:
— נאַ דיר אַלץ, נאָר גיב מיין שבת אָפּ.

נאָר דער גזלן האָט אַלץ באַרויבט מיך קודם,
איך קלאַמער זיך אין באָבעס שטיבל־בוידעם,
נאָר ער וואַרפט פון דאָרט מיר אויך אַראָפּ...

.4

אַוודאי איז אַמאָל געווען יום־כיפור.
איז ערשט אויך, און פרעג מיר נישט קיין שאלות,
איך שטיי נאָך איצט אונטער זיידנס טלית
קוק פון דאָרט אַזש אַהער אַריבער.

אַזש ביז צו מיין קלאָגל־טאָג, מיין טריבן.
ס'איז אַ טעות, מע דאַרף דאָך זאָגן „יעלות",
נאָר דער כאָם רעכנט אוים די מעלות
מיטן טמאן פיסק, מיינע זינד די זיבן.

כ'ענטפער נישט דער מיאוסער שלאַנג, דער הידרע,
מיינע גלידער זינגען ערשט „כל נדרי"
און וואָס איז מיר מיין בייזער בריגאַדיר?

ביז איך וועל צעהאַקן אַלע שטיינער,
וועל איך אין זיך שוין האַלטן ביי עלינו,
אַ גוט־יאָר ווינטשן יידן ביי דער טיר.

.5

איז ווער ווער מיר דעם וועג דען ערשט פאַרשפּאַרן
אהין, אהין וואו כ'בין מיט מיין „רמה״?
ס'איז ווייט דער וועג, און ס'קומט גיך אָן די נאַכט,
קיין קרעטשמער נישט, און נישט קיין אַרענדאַרן.

ס'אַ ווייסט, ס'אַ וואַלד, סע לויערן געפאַרן,
נאָר סע בליצט אַ ליכט, ערגעץ איז מען וואַך,
מ'האָט אַ טיר אין חושך אויפגעמאַכט,
און זע! ס'איז דאָך מיין גוטער פעטער אהרן!

וואָס טוט מיין פעטער אַזוי שפּעט אין חצות?
ער לערנט תורה אַזוי־אַ ביז כעלות,
כ'הער נאָך קלאָר זיין האַרציק זיסן ניגון.

אַז איך כאַפּ מיך אויף, איז אַלץ מיר נאָך נישט קלאָר:
אַ ליגן איז מיין פינצטער־שווערע וואָר,
צי אפשר גאָר מיין חלום איז אַ ליגן?...

.6

האָט אָפּגעפּאַסט אַ ייד אַ פערציק יאָרן
אויף גלות־שכינה און אַצינד געשיקט
זיין בליק צו מיר. אַ, ווי איז מיר, אַ בליק
אַז כ'בין פון אים פאַרציטערט אַזש געוואָרן.

זיין פּנים ווערט נאָך לויטערער, נאָך קלאָרער.
עס קוקט מיך אָן דער צדיק, ר' מאיר יחיאל *),
געשמועסט אַמאָל אין לערנען, ער וויל
אויך איצט מיר זאָגן וואָס מ'טאָר נישט.

אַ, משפּט מיין נשמה מיט טויזנט טויטן,
און לייג מיך, לייג מיך ביי די פּלויטן,
כ'בין אינגאַנצן דיין, אַ הייליקער ייד!

מיין באָבע האָט אַמאָל געריסן קבֿרים
אין מיין קרענק, נאָר איצטער בין איך אָרים
ווען סע גליט אין פיבער מיין געמיט.

---

*) דער באַרימטער אָסטראָווצער רבי, ר' מאיר יחיאל הלוי, אַ גרויסער גאון און צדיק וואָס האָט פערציק יאָר אָפּגעפּאַסט אויף גלות השכינה.

.7

. . . און מעשיות הערן אין מלווה-מלכה נעכט,
און איך בין אַ שאָטן אין ווינקל איינגעהערט,
און מיינע ייִדן זיינען שטיקער הימל אויף דער ערד,
ייִדן ווי ביי מערזערן אויפן בלעך.

און די לבנה גלייך פון צווייגן ווי אַן עפּל מען ברעכט
און מיט קפיצת הדרך פליען פערד
אַהין וואו דער וואונדער איז באַשערט,
דער צדיק פירט מיטן שטן ערשט געפעכט.

פאַרוואָס געשעט קיין וואונדער, גאָט, נישט מער?
אַלע נעכט האָסטו געברענגט אַהער,
פון גאַנצער וועלט און דאָ זיי אויסגעצויגן.

די לבנה זיך גנבעט אין אַ זייט,
און איז ווי קיינמאָל אַזוי ווייט,
און שעמט זיך צו קוקן אין די אויגן.

.8

חלומען זיך מיר ספרים יידישע מיט רש"י-כתב,
פאַרגעלטע בלעטער דפוס אַמסטערדאַם,
אַ ירושה פון אַן עלטער-זיידן מן-הסתם,
אַ צדיק מפורסם, אַ רב בן הרב.

און איך בלעטער אַזוי כסדר דף נאָך דף:
„ודע — און וויים בן אדם, אַז אין יעדן פלאַם
לויערן די קליפות פון דעם ס"ם,
און גוטס און שלעכטס פאַרמישט דאָס גאַנץ באַשאַף.

און די וואָס ווערן פון זינד נישט זאַט,
ווערן שפּעטער מגולגל אין אַ בלאַט
אויף אַ בוים געוואָרפן פונעם ווינט.

— — — — — — — — — — — — — — —

דאַרף מען נאָך אָפּקומען די זינד?
דער בלאַט איז שוין אָפּגעפליקט פון בוים,
ליגט אין רינשטאָק און באַוועגט זיך קוים.

.9

ווי זאָגט ר׳ אברהם חיים *): אין גיהנום איז אויך דאָ גאָט,
טיילט ער יידן איבערגעשריבענע קאַפּיטלעך תהלים,
ווייל מע דאַרף דאָך זיין בלינד נישט צו זען אים פאַרהילן
און אין אַכזריות נישט דערקענען זיין גענאָד.

נישטאָ קיין פּשט אויף דער וועלט, ס׳איז כלו סוד,
אַז סע פּייניקט זיך אַ מענטש ברענען גווילים
נאָר יידן קענען זינגען „שבחו גאולים"
אפילו ווען באַלאַגערט איז די שטאָט.

ס׳איז כלו חייב, די וועלט זי ליגט אין תהום,
נאָר ר׳ אברהם חיים זוכט ווי אַמאָל אין סדום
די גערעכטע פּופציק צו געבן וועלט אַ תיקון,

ביז וואָס־ווען טרייבט מען צום „אַפּיל",
און וועכטער שרייען, און די הינט עס בילן,
עס פעלן צום חשבון אפשר די צדיקים?...

---

*) ר׳ אברהם חיים, אַ ליובאַוויטשער חסיד פון סאַמאַרקאַנד, געזעסן מיט אונדז אין לאַגער.

.10

און ר׳ אברהם חיים שרייט: „נישט פֿאַרגעס,
האָסט אַ זיידן געהאַט דעם הייליקן ייד,
בינד זיך אָן אין אים, ער ציט
אַרויס דיר פֿון שערי־טומאה די מים־טית.

ביי אַ יידן אין אַ תפילה דער מעת־לעת:
דער פרימאָרגן — אַ קאַפּיטל תהלים אין געמיט,
און נעילה — דער פֿאַרנאַכט און רויט צעגליט,
און אין בייטאָג — אַ משל אַלץ וואָס זעסט.

און אַ ווייסער קיטל ווערט דאָס פעלד מיט שניי,
אין סיבירער לאַגער שטייען יידן צוויי,
מ׳רעדט און מען דעררעדט זיך צום בעל־שם,

ביז שפּעט אַזוי, ביז דניעוואַלני שרייט „אַטבאָי!"
ואן ס׳איז אַלץ אַ משל, אויך דער פרעמדער גוי,
און פרעמדער ווערט נאָך אַלץ וואָס איז די פרעמד.

.11

משה בראָדערזאָן וויקלט ווי באַנדאַזשן אויף די וואונדן זיינע וויצן
און ר׳ אברהם חיים זאָגט: אַז דו ווילסט איז גאָר אַ זכות
מגולגל ווערן אין סיביר, פון טומאה דער רשות,
ווייל דו ווייסט דען וויפל ס׳בעטן זיך ניצוצות,

הייליקע, פון שלעכטס אַרויס נעם און באַשיץ אונדז,
און מיט עמערס שעפסטו אונטער יעדער קוסט,
בימי בעל שם האָט מען ס׳אָרט דאָ נישט געוואוסט,
ער וואָלט אַהער געלאָפן מיט דרך־קפיצות.

פון מעזשיביזש ביז לענאַ מי יודע ווי ס׳איז ווייט,
ר׳ אברהם חיים דערנענטערט דעם שטח און די צייט,
כאָטש גרויזאַם פאָרכטיק לאָזט אַראָפּ זיך סיבירער דעמער

הערסטו אַ מעשה: דער בעל־שם פלעגט פאָרן אויף יארידים
מתקן זיין נשמות און דו ביסט אַ חסיד פון די חסידים,
און דער ווינט ווערט אַ זמר.

.12

... וילבש קללה כמדו
(תהלים)

מיין גאָט, איך גלויב דיר אַזוי פיל,
גלויב מיר אויך אַ ביסל...
האָסט מיך געשאָלטן מיט אַזוי פיל פּרואוו,
שטאַרק מיר דאָס געוויסן.

כ'האָב אָנגעטאָן די קללה אויף זיך
און סע סטאַרטשען אַרויס די גלידער,
גיב לויט מיין מאָס צו שטייגן אין דער הויך
און צו פאַלן אין דער נידער.

צווישן דיין באַשאַף וויל איך נישט זיין גרויס,
נאָר אויך נישט זיין דער קלענסטער,
דיין גרויסע זון שענקט דאָך בלויז אַ שטראַל
אין קליינעם טורמע-פענצטער.

האָסט מיך געמאַכט פאַר דיין הייליקער,
לאָז מיך נישט ווערן דיין פאַרשוועכער,
האָסט דאָך אַ מאָס געגעבן אפילו דעם קאָליר
אינעם בלומען-בעכער.

און מיט אַזוי פיל פינצטערניש געשטראָפט די נאַכט
זי זאָל זיך נישט איבערשוימען,
און אַז דו האָסט דעם ים פאַרשאָלטן מיט ווילדערניש
האָסטו דאָך אים אויך געטאָן מיט אַ ברעג צוימען.

.13

# אַ תפילה פון אַ מענטשן אין שניי

ס׳איז הייגט קיין בלוט-פלעק נישטאָ אין שניי,
מ׳האָט קיינעם נישט געשאָסן, איז שניי און שניי.
אַרום דיר — שניי,
אין דיר שניי —
וויים צו וויים.

אָ, באַהיט מיך, גאָט, פון די שנייאיקע ווערטער:
„מנא מנא תקל ופרסין״
פאַרן דאָרפיש פנים: שניי
פאַרן הימל וואָס האָט נישט וואו צו פאַלן
און פאַלט אין שניי,
פאַר טויערלעך צעוויגטע אין ווינט
וואָס האָבן אַזוי פיל צו זאָגן
און זאָגן בלויז: שניי,
פאַרן דאָרפיש פנים: שניי,
פאַר שחרית — שניי, מוסף — שניי, מעריב — שניי,
פאַר מזרח, מערב, צפון, דרום — שניי,
אַ מענטש אין שניי,
אַ הונט אין שניי,
אַ פערד אין שניי.

דאָס טאָגל ציילט ווי אַ קינד
ביז צוויי:
איינס — שניי,
צוויי — שניי,
שניי,
שניי.

.14

## אַגינסקיס פּאָלאַנעז אין סיביר

ביז פּופּציק גראַד די פּראָסטיק שטייפע טעג,
וואו וועסטו זיך אַהינטאָן, מיין דינער, ווייכער ניגון?
דאָ לאָזן זיך בעריאָזעס נישט פאַרוויגן,
זיי גליווערן מיט שניי, פאַרשיט ביים וועג.

מיט דיין פּאָלאָנעז אין ברוסט ווי אַ פאַרמעג,
און ראַדיאָ-קלאַנגען וואַרעמען אָן דעם שטח,
איך וועל אַרויס אַ זיגער פון געוועט איצט,
נאָך פאַרן קלאַנג דערגרייכן כ׳וועל דעם ברעג.

ביים ברעג איז האַרבסט, ס׳פאַלן נאָך געלע בלעטער,
און אַ האַנט איז דאָ וואָס ציילט זיי איבער שפּעטער,
און יעדער בלאַט איז אַ ליבע-בריוו אין טרויער.

מיין קינדהייט בלאָנקעט דאָרט אויף טוויאַיקער פּאָליאַנע,
נישט פאַרשטייענדיק, זי האָט טיף אַזוי פאַרשטאַנען
און בענקט, ווי דו, ביים פאַרמאַכטן טויער.

.15

# תפילה

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערס וועגן...
(פון אַ פאָלקסליד)

גאָט, גאָט, גיב נישט קיין רעגן,
פאַר די גרויסע קינדערס־וועגן,
דער רעגן, דער רעגן איז נישט געבענטשט,
ווען ס׳ווייקט זיך אין בלאָטע און סע שטינקט דיין מענטש.

דיין מענטש, דיין מענטש איז פאַרט עפּעס דאָך,
אָן אים איז פרייד נישט קיין פרייד און בראָך נישט קיין בראָך,
און וויפל קומט אָן מיט דער גרינער גאַל
צו פוצן דעם גאַנצן וועלטאַל,
זיך אויסגעשפּיגלט און דו ביסט אַזוי שיין,
ווײַם דאָך אויך בלויז דערפון דיין מענטש אַליין,
ווייל בעל־חי איז נאַריש און קריכט פון דער הויט,
פאַר דיין קנעכט אַפילו, דיין שאָטן, דעם טויט:
סע צעבילן זיך הינט אין שטאָט אויף דער קייט,
און הענער זיך וועקן פאַרטאָגיק צעקרייט,
אַ נאַרישע שמחה אויף זייערע קעפּ,
ווען פרעמדער פאַרציט דאָ שוואַרצענעם קרעפּ
אויף הייזער, אויף גאַסן פון שטאָט אינדערפרי,
יענער, דער פרעמדער, דער גאַסט פון נישט הי.
נאָר מענטש, דיין מענטש, ווײַם איינער אַליין,
דיין ווינק אין אַ צווייג וואָס וויגט זיך, דיין מיין,
דיין אָפענע שפּראַך אין טאָג ווען דו באַווייזט
ווי אויף דער האַנט אַלץ און אין נעכט ווען דו שווייגסט,
און וואָס ס׳איז אָפן געוועזן ווערט פאַרבאַהאַלטענער סוד,
טאָ פאַרשעם נישט דיין מענטש, דיין צירונג, מיין גאָט.

.16

**Smutno mi Boze . . .**

**(Slowacki)**

# הימן צום זונען־אונטערגאַנג אין סיביר

איז מיר אומעטיק, מיין גאָט, וואָס די שקיעה איז דאָ אַזוי שיין,
מיט אַזוי פיל פאַרבן, אַזוי פיל פאַרבן,
אויף דיין הימל — אַזוי שיין און אונטן — אַזוי מיאוס
מענטשן שטאַרבן...
איז מיר אומעטיק, מיין גאָט...

בּיסט אַוועק, אַוועק, און פאַרבעטן פייגל אין דער ווייט
ווי צו אַ חתונה, צו אַ שמחה־פלאַקער,
ווי אַ פויער וואָס לויפט אַוועק און לאָזט איבער זיין פעלד
אין ברען פון פאַרזוי, זיין פעלד נישט געאַקערט —
איז מיר אומעטיק, מיין גאָט...

אָ, אַנטפּלעק מיר דעם שליסל צו דיין פאַרבאָרגענער שטאָט
כ׳וויל וויסן דעם זין פון דיין משפּט, דעם האַרבן,
פאַרוואָס אַלץ ביי דיר אויבן איז אַזוי וואונדערלעך שיין
און אונטן אַזוי מיאוס ווען מענטשן שטאַרבן —
איז מיר אומעטיק, מיין גאָט...

.17

# אַ תפילה פאַרן שוואַכן

און דעם שוואַכן — אָ, העלף אים, העלף אים, גאָט,
ער זאָל צו אַ מענטש זיין געגליכן,
ס'האָט אים באַשפּיגן די וועלט, זאָל ער צו דיר,
אויף אַלע פיר כאָטש דערקריכן.

דיין אייביקייט גרייט אָן די וועלט
פאַרן העלד, דער שוואַכער האָט דיינע מינוטן געוואָלט נאַשן,
און איז געבליבן אַזוי ווי אויף אַ יאַריד
אַ באַגנב'טער ייד, מיט ליידיקע טאַשן.

ביסט אַלמעכטיק און טראָגסט אים אויף זיך
די מאַסע, די שווערע פון וועלטן און שטערן,
נאָר דער פאַרנאַכט איז דאָך דיינער, דיין שוואַכע מינוט,
ווען דיין הימל עס גליט פון בענקשאַפט און באַגערן.

טאָ העלף אים, דעם שוואַכן, העלף אים, גאָט,
ער זאָל צו אַ מענטש זיין געגליכן,
ס'האָט אים באַשפּיגן די וועלט, טאָ זאָל ער צו דיר
אויף אַלע פיר כאָטש דערקריכן...

.18

## אויסגעחלומט שטיל-לעבן

אַ גלאָז טיי,
אַ שיינע, ריינע גלאָז טיי,
אַ היימישע, אַ שמעקנדיק זיסע,
אין דין געשליפן גלאָז
אויף אַ שטילן טיש,
באַדעקט מיט ווייס,

אין דער ליכטיקער שטוב.
אַ צייטונג מיט נייס,
אַ וואַזאָן לידיקגיין,
גאָרנישט טאָן מאָרגן.
איך טרינק פּאַמעלעך, פּאַמעלעך
דעם כוס
און רויכער
אַ געשמאַקן פּאַפּיראָס.

19.

***

כ׳וועל טוישן דאָס ברויט אויף אַ קעסטעלע טאַבאַק,
געוואוינט שוין, געוואוינט שוין צו אַ טאָג אָן ברויט,
וואָס זאָל איך טאָן? — אין מעבר יבק
זעט זיך נישט פאַר אַזאַ מין אַ טויט.

דערעסן דאָס אייביקע אין ריי גיין, אין ריי גיין,
און ס׳איז גאָר אַ ברכה: מיט די פיס צום טיר,
אַז כ׳האָב שוין פאַרגעסן צי דאַרף איך אויף צוויי גיין,
צי גאָר, ווי אַ בהמה, קריכן אויף פיר...

.20

**
*

צי מיט מיר, צי אָן מיר,
וועלן טעג אויסגיין מיט אַ טויט, אַ האַרבן,
און בעריאָזקעס וועלן אַרומגיין און זוכן זייער פאַרלוירענע בענקשאַפט
און וויינען זוכנדיק.

און שטיינער וועלן זאָגן: אַ סוף, אַן עק, פאַרפאַלן,
און שווייגן,
נאָר פייגל וועלן שטורעמען די הימלען און מאַכן סקאַנדאַלן
אויף צווייגן.

און גראָזן, וואָס האָבן זיך באַגנוגנט וואַקסן ביי דער סאַמער ערד,
וועלן זאָגן: פאָטערל — טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט,
נאָר נישט שטאַרבן.
ס'וועלן זיי אויפעסן די פערד,
נאָר די פערד וועלן אויך שטאַרבן.

און איך וועל זיין אַ בלום דעמאָלט, ביז ווען אַנדערש וואָס,
אין וועלכע די אַרבעטסזאַמע ערד וועט מיין געביין פֿאַרוואַנדלען,
די צייט — די זשומענדיקע בין
וועט מיר אויסנאָגן דעם האָניק און די פֿאַרבן
פֿאַר דער אייביקייט,
איך וועל אַ בלום זיין
און ווידער שטאַרבן.
און מענטשן וואָס וועלן דעמאָלט זיין?
זיי וועלן מסתמא טאָן דאָס און יענץ,
און אַז זיי וועלן נישט האָבן וואָס צו טאָן,
וועלן זיי זיך קוילן און שטאַרבן,
אָדער גלאַט אַזוי שטאַרבן —
אַ געשעפֿט צו שטאַרבן?

**
*

און ערשט איז שוין גוט, די ביינער, די דאַרע,
באָדן זיך אוים אין ווייכן געלעגער,
נאָר נישט איינמאָל כ׳פיל זיך אַן אַרעסטאַנט אויף דער נאַרע
און הער דעם „שטיי אויף” נאָך אַלץ פונעם וועקער.

און כ׳צי פון געוואוינשאַפט צום דיל נאָך די קליידער,
ס׳וועט וואַרטן אַ פרירוקער דרויסן, אַ גראָווער,
וועגן וואַלד און וועג און קופּקעלע הייזער,
איז איין טונקעלער פלעק אויף עפּעס אַ טאָוול.

**
*

נאָר אָנצוהויכן אויף דער אָנגעפּרוירענער שויב
זעסטו אַלץ ווי געווען:
די באָבע זיצט נאָך ביים קליינעם אויוון
און דאָס נאַכט-לעמפּל איז גוט
ווי אַ דאָרפיש האַרץ,
און ווייסט נישט
אַז ס'איז די נאַכט אים אַ שונא.

איך זיץ אויף אַ בענקעלע
איר צופיסנס,
און לעש אין זיך
אַלע ליכטער פון טיימס-סקווער,

דאָס קעצל וועט אַראָפּטאַנצן
פון קיכל,
זיך אויסציען מיט אַן אויפגעשטעלטער פּלייצע
און טראַכטן ווי איך:
— וואָס טוט מען ווייטער?

## אונדזערע מאַמעס וועלן נישט זיין
## ביי אונדזערע טויטן...

ס׳ע וואַרט אַ וואַנט
אויף אונדזער לעצטער גרימאַסע
און אונדזערע מאַמעס
זיינען אַזוי ווייט פון אונדז,
אַ ים איז דאָ,
און זיי קענען נישט אַריבער.
אונדזערע מאַמעס וואָלטן אַ הייב טאָן
אַ וואָלקן־קראַצער,
אַ שטאָלענע בריק,
אַ וואָרף צו טאָן דעם טויט
וואָס קומט אונדז פאַרצוקן,
און מיר וועלן נאָריש רופן
לעצטע ווערטער
וואָס קיינער וועט נישט פאַרשטיין.

# איך בענק נאָך אַ ביסעלע גיהנום...

עס געשעען נישט מערער קיין ניסים,
מען שפּאַלט איצט נישט מערער קיין ימען,
כ׳וועל נישט פאַרהיילן מיינע ריסן
ווי כ׳וועל נישט לעבעדיק מאַכן מיין מאַמען.

עס פאָלגט נישט די זון מיך אין גבעון
און די לבנה אין עמק אילון
אליהו מיט דער באָרד דער סיוועך
נישט באַווייזט זיך אַפילו אין חלום,

זאָל זיין עפּעס וואָס נאָכן טויט כאַטש,
איך בענק נאָך אַ ביסעלע גיהנום...
לאָמיך ווערן אַ קאַץ, אַבי עודך,
אַ זכר פון מיר, דעם געשעענעם.

# נאָכוואָרט

„אײדער דו לעשסט מיך אויס" איז נישט קײן דעקלאַראַציע פון פאַר־צווײפלונג; עס איז געגעבן געוואָרן אויפן נאָמען פון אַ ליד, וואָס איז דעם מחבר נאָענט. דער אויטאָר קען זיך ביז היינט־צו־טאָג נישט רימען, אַז ער האָט זיך וועג געפונען. ער האָט אָבער יאָ געלערנט, אַז קײן וועג איז נישט אַזוי קרום פאַר אַ פּאָעט ווי דער אָנגענומענער „גלײַכער וועג".

דער וועג צו זיך אַלײן איז אפשר דער שווערסטער. צו די בײַע לידער איז צוגעגעבן געוואָרן דער ציקל „סיביר", וועלכער איז אַרײַן אינעם בוך „אין ניגון אײַנגעהערט" און פון וועלכן כ'האָב זיך ביז היינט נישט באַפרײַט.

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק דעם ליבן פרײַנט, דעם קולטור־מענטש און מעצענאַט נח שער, פאַרן נעמען אויף זיך אַלע הוצאות פון דער אויסגאַבע.